בעזהשי"ת
קינדערגארטן
ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקדוה"ק זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# נייעס פון קינדערגארטן

חיי שרה
תשע"ב

## ✪ברוכים הבאים לכ"ק מרן רבינו שליט"א

**מאנטאג** – די וואך ווען מען גייט אריבער די קלאסן פון כתה ד', הערט זיך ארויס א געשמאקער זיסע לעבעדיגער פרייליכער קול תורה עס איז א מחי' צו הערן. זיי האבן די וואך דאס ערשטע מאל אנגעהויבן צו לערנען די הייליגע גמרא. ביי דער פרייליכער גילעגנהייט האט דער חשובער מנהל הר"ר יחיא' יצחק שפיטצער שליט"א איינגעלאדענט דעם רבי'ן שליט"א ער זאל קומען מיטהאלטן די געהויבענע מאמענט, און אין די זעלבע צייט וואונטשן זיינע ווארימע ברכות. האט מען אויסגענוצט די גילעגנהייט און די חשובע קינדערגארטן מלמדים האבן זיך בליץ שנעל ארגענעזירט, שנעל געגעסן מיטאג מיט די קינדער, דערנאך האבן זיך אלע קינדער ארויס געזעצט אויפן גאס הערליך שיין. אזוי ווי דער רבי שליט"א איז ארויס געקומען פון די קאר און איז דורכגעגאנגן אלע קינדער, האבן מיר זיך אלע אויפגעשטעלט פון פלאץ מיט גרויס דרך ארץ, און דער רבי שליט"א איז אדורך געגאנגען אלע קינדערלעך און באטראכט די זיסע קינדער, מיר האבן אים זייער שיין באגריסט מיט א גוטן טאג. נאכדעם האט ער אנגעוואונטשן פארן מנהל און פאר אלע חשובע מלמדים זיי זאלן מצליח זיין און די הייליגע ארבעט. די קורצע אבער שיינע באזוך וועט אונז שטענדיג בלייבן אין זכרון.

## ✪שרה און רבקה'ס געצעלט

פאריגע וואך פ' וירא האבן מיר געזעהן די געצעלט פון אברהם אבינו מיט די פיר טירן. די וואך האט מיין רבי אונז געטראגן צו א חדר ווי מיר האבן געזעהן די געצעלט פון די "מאמע רבקה" און די דריי ניסים וואס איז דארט געווען. מיר זעהן די גרויסע ריזיגע חלות וואס איז געווארן געבענטשט, מיר זעהן גרויסע לעכט וואס האבן געברענט א גאנצע וואך, און מיר זעהן א וואלקן אויפן דאך פון געצעלט.

## ✪מיר פארן זעהן קעמעלעך

**דינסטאג** - צום ערשט מוזן מיר געבן א גרויסן דאנק פארן הייליגן באשעפער אז די רעגן האט אונז אויסגעווארט, אז די טייערע קינדערלעך זאלן קענען פארן אויף די פיינע טריפ אויף וועלכע זיי האבן אזוי שטארק ארויס געקוקט.



צופרי גלייך נאך פרישטאג זענען 6 באסעס ארויס געפארן אויפן טריפ צו א פארעם וואס געפונט זיך נישט ווייט פון קרית יואל, בערך א האלבע שעה אוועק. דאס יאר האבן מיר געהאט א גרויס איבערראשונג ביי די טריפ, ווען אויסער די קעמעלעך מיט די גרויסע הויקערס - וואס איז געווען זייער אינטערסאנט צו זעהן, בעסער צו קענען פארשטיין די מעשה פון אליעזר דער קנעכט פון אברהם - האבן מיר אויך געקענט זעהן אסאך אנדערע אינטערסאנטע באשעפענישן. מיר האבן געזעהן קוהעלעך, אייזעלעך, טשיקעלעך, קאטשקעס, זיברא"ס און פיקאק"ס... אויך האבן מיר געזעהן דארט א גרויסע ריזיגע עליפאנט... און אפי' אסאך קינדער האבן געקענט זעהן מאנקי'ס. מיר האבן זיך מחי' געווען צו זעהן די קעמעלעך און די אנדערע נפלאות הבורא.

א גרויסן יישר כח פאר המלמד החשוב מו"ה אלי' ראטה שליט"א פארן אויסטרעפן אזא גוטע אינטערעסאנטע טריפ.

## ✪וואס מיינט דאס א ברונעם?

אויפן וועג צוריק פון די הערליכע שיינע טריפ, האבן די באסעס זיך אפגעשטעלט אויבן בארג אונטער די ת"ת, ווי מיר זענען אראפ פון די באסע און צושפאצירט צו דעם שיינעם ברונעם וואס איז דארטן דא. יעצט פארשטייען מיר שוין אביסל בעסער ווען מיין רבי דערציילט די מעשה מיט אליעזר און די ברונעם. פון דארטן האבן מיר שפאצירט מיט אונזער רבי, צוריק אין חדר אריין צו עסן מיטאג. געווען גאר א געלונגענער טריפ, ברוך השם פאר דעם.

## ✪די מעשה פון אליעזר

**מיטוואך** (פאר די גרעסערע קינדער) האבן מיר מיטגעהאלטן אזוי געשמאק די הערליכע מעשה פון "אליעזר דער קנעכט פון אברהם".

מיר זעהן וויאזוי אברהם אבינו -**אברהם משה וויסמאן** נ"י, רופט זיין קנעכט אליעזר –**אליעזר פריעד** נ"י- און ער בעט אים ער זאל גיין זוכן א כלה פאר יצחק אבינו. מיר זעהן ווי שנעל ס'האט גענומען די וועג, ווייל ס'איז געזעהן א נס און ער איז שנעל אנגעקומען אין חרן... מיר זעהן א שיינע ברונעם, יא, ס'איז דא דארט עכטע וואסער. מיר הערן זיך צו וויאזוי אמאליגע צייטן איז נישט געווען קיין סינק'ס ווי ס'איז דא היינט אין יעדע הויז, און ווען איינער דארף וואסער גייט ער צו די סינק און גיסט זיך אן א גלעזל וואסער און טרינקט. **משה גאלדמאן** נ"י ווייזט פאר יעדן וויאזוי ער נעמט וואסער און ער מאכט א הערליכע ברכה "שטאט הויעך און קלאר", און ער טרינקט עס אויס. אמאליגע צייטן אבער, האט מען געדארפט גיין ווייט ווייט נעמען וואסער פון א ברונעם. זעהן מיר וויאזוי אליעזר זיצט נעבן די ברונעם און ערווארט. מיר זעהן ווי רבקה קומט אן מיט א קריגל און אליעזר בעט פון רבקה זאל אים געבן אביסל וואסער, זי ענטפערט אים "איך וועל געבן פאר דיר און אויך פאר די קעמעלעך". מיר זענען שוין זייער נייגעריג צו זעהן די קעמל... אבער קודם זעהן מיר זייער אינטערעסאנט וויאזוי מ'שעפט ענדליך ענדליך ארויס עכטע וואסער פון די ברונעם... אליעזר טרינקט עס אויס. נאכדעם איז געווען אזוי פאני ווי אונזער קעמל האט אויך געטרינקען פון די וואסער.... עה. ס'קען נישט בייסן... אונז האמיר אפי' נישט מורא אריין צו לייגן די הענט אין זיין מויל...

## ✪א גרויסן דאנק

מיר ווילן זיך באדאנקן פאר אלע חשובע עלטערן שיחיו וואס האבן אנטייל גענומען אין אונזער מסיבת "הכנסת כלה" אויף סיי וועלכן אופן. דער באשעפער זאל העלפן אז אין די זכות פון די גרויסע מצוה פון הכנסת כלה זאלט איר געהאלפן ווערן מיט אלע השפעות טובות וכל מילי דמיטב, איר זאלט קיינמאל נישט דארפן אנקומען צו א צווייטן.

**הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב**

פאר המלמד החשוב מו"ה **משה גפן** שליט"א

צום געבורט פון אן אייניקל נ"י

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך מתוך נחת והרחבת הדעת עמו"ש

ווי אויך פאר המלמד החשוב

מו"ה **חיים יוסף שווארטץ** שליט"א

צום אפשערן פון זיין זוהן נ"י

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אים מגדל זיין
לתורה לחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבת הדעת עמו"ש

# זיסע חכמה'לעך

**משה'לע קאהן** האט אנגעהויבן צו גיין אין חדר. זיין מאמע האט אים אויסגעפרעגט "וואס טוסטו אין חדר? און וואס האסו געגעסן?" משה'לע זאגט "ער עסט פוטער ברויט מיט מילך".. און וואס נאך? אמ... אמ... איך עס נישט דארט קיין צונג פלייש"...

איינמאל ווען **יצחק יודא** האט געשפילט מיט זיין בייק , האט ער אריין געלייגט שטיינער פאר "געז". איין טאג ווען ער איז געווען מיט זיין טאטע אין א גע"ז סטעיש"ן, האט ער געפרעגט זיין טאטע "האסט אריין געלייגט שטיינער אין דיין קאר?"...

**אברהם עביר פרענקל** זאגט "אז מ'האט געשטראפט די שטאט סדום מיט "סדום – בלוט"....

**אברהם שמעי' גאנץ** וויל וויסן "פארוואס וויל קיינער נישט גיין אין גהינם? ווייל ס'איז א הייסע פייער? נו, דער באשעפער קען מאכן קאלט אזוי ווי ער האט געטוהן פאר אברהם אבינו ביי די קאלעך אויוון?"...




**משה'לע** איז זייער טרויעריג. ער פרעגט זיין מאמע "אמת איך האב נישט פיצי פיאות? ער טראכט און פרעגט "מאמי ווען גייט שוין מיינע פיאות וואקסן הויעך?"....

די מאמע פרעגט **מושי** וואסערע מצוה זאל איך שרייבן אויף די מצוה צעטל? זאגט ער "אז איך גיי אייביג ארויף לייגן די הענט אויף מיין קאפ ווען איך מאך א ברכה, ווייל אזוי טוט מיין רבי"....

**יעקב הערש** זאגט "ווען איינער פילט נישט גוט, דארף מען זאגן "ביקור חולים"...

**שמואלי אינדיג** זעהט ווי מ'לייגט אריין די תורה און ארון קודש, פרעגט ער "פארוואס לייגט מען אריין די תורה אין די פרידידשע"ר? (ארון קודש)

**הערשי גרינוואלד** האט געהאלפן מאכן די קוגעל און ער געוואלט אריין גיסן די אייער. זיין שוועסטער וואס האט געפענט די אייער האט געזאגט איין מינוט. זאגט ער יא, דו דארפסט קודם זוכן די בלוט'ס טראק"...









## איך בין דריי יאהר

מזל טוב
הילד היקר
**נפתלי שווארטץ נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט



מזל טוב
הילד היקר
**אליעזר מיטעלמאן נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט



מזל טוב
הילד היקר
**בערל מערץ נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט



מזל טוב
הילד היקר
**משה מאיר אונגאר נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט



**דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים יראי' ד' אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך אידיש נחת געזונטערהייט עמו"ש**

**הנהלת הקינדערגארטן**
**וואונטשט א הערצליכן מזל טוב**
**פאר**
**מו"ה מאיר מאלאה הי"ו**
**צום שידוך שליסן**
**פון זיין טאכטער תחי'**

**אין דעם זכות וואס איר העלפט שטענדיג פאר די טייערע**
**תינוקות של בית רבן**
**מיט אזויפיל הארץ און געפיהל**

**זאל דער באשעפער העלפן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת דורות ישרים מבורכים**